# זוכט איר א ווארעמע שעלטער וואו צו איבערשלאפן ביינאכט?

## די ראקעלנד קאונטי שעלטער איז סטאנציאנירט אויף 50 סאַנאַטאָריום ראוד, פּאָמאָנאַ-ניו יארק.

---

### שעלטער סקעדזשול אין צייטן

די שעלטער וועט זיין אפן אין די ווינטער חדשים, אנגעהויבן פון נאוועמבער דער ערשטן, און עס וועט בלייבן אפן ביז אפריל דעם דרייסיגסטן. די צייטן וועלן זיך טוישן אין לויף פון די חדשים.

דורכאויס נאוועמבער וועט די צענטער זיין אפן בלויז אין די נאכט שעות, און נאר אין אזעלכע טעג וואס עס ווערט געשאצט אז די טעמפעראטור וועט פאלן אונטער פינף און דרייסיג פארענהייט מיט די ווינט שפיר. די נאכט סקעדזשול הייבט זיך אן פינף אזייגער נאכמיטאג און ענדיגט זיך ניין אזייגער אינדערפרי.

אנגעהויבן פון דעצעמבער 24' ביז ענדע מארש 25' וועט די שעלטער זיין אפן יעדע נאכט אנגעהויבן פינף אזייגער נאכמיטאג און ענדיגט זיך ניין אזייגער אינדערפרי .

דורכאויס די טאג שעות וועט עס אויך זיין אפן בלויז אין טעג וואס ס'איז ערווארטעט אז די טעמפעראטור זאל פאלן אונטער פינף און דרייסיג פארענהייט מיט די ווינט שפיר. די טאג סקעדזשול הייבט זיך אן ניין אזייגער אינדערפרי ביז פינף אזייגער נאכמיטאג.

דורכאויס אפריל וועט עס ווערן געשלאסן אין די טאג שעות, און עס וועט זיין אפן בלויז אין די נאכט שעות אין אזעלכע טעג וואס עס ווערט געשאצט אז די טעמפעראטור וועט פאלן אונטער פינף און דרייסיג פארענהייט מיט די ווינט שפיר. די נאכט סקעדזשול הייבט זיך אן פינף אזייגער נאכמיטאג און ענדיגט זיך ניין אזייגער אינדערפרי.

---

### פיקאפ לאקאציעס און סקעדזשול

דעפארטמענט אף סאושעל סערוויס, פאמאנא: פינף אזייגער נאכמיטאג, מאנטאג ביז פרייטאג, בילדינג L באס שעלטער.

ספרינג וואלי: פינף דרייסיג, צען מינוט נאך זעקס און קוואדער נאך אכט, זיבן טעג א וואך, ספרינג וואלי באס און טרעין סטאנציע.

נייעק: פינף אזייגער נאכמיטאג, זיבן טעג א וואך, ביי בראדוועי און בארד; פארנט פון די פירסט ריפארעמד טשוירטש אף נייעק.

ווילעדזש אף העווערסטראו: זיבן דרייסיג אוונט, זיבן טעג א וואך, פארקינג לאט אריבער די גאס פון ווילעדזש האל.

ס'איז וויכטיג צו אנקומען באטש צען מינוט איידער די באשטימטע צייט, מ'וועט ארעפלייגן אויפן זעלבן לאקאציע.

נאך ניין אזייגער ביינאכט וועט מען ווערן אריינגעלאזט בלויז מיט די פאליציי.

---

די שעלטער וועט געבן א ווארעמע מאלצייט, א פלאץ וואו צו איבערשלאפן, א שויער, ווי אויך וועט די שעלטער צושטעלן אנדערע וויכטיגע באדערפענישן.

---

די שעלטער ווערט אנגעפירט דורך די ראקלענד קאונטי דעפארטמענט אף סאושעל סערוויס. פאר מער אינפארמאציע קען מען אייביג רופן 845-364-2332 אדער 845-608-6670.